# דעם גערער רבי געלינגט נישט צו פעראייניגען די פּאלעסטינישע-אידישע ארטאדאקסיע

ירושלים (יטא). די דעלעגאַציע פון דער „אגודת ישראל", אונטער דער אָנפיהרונג פון גערער רבי'ן, וועלכע געפינט זיך איצט אין ארץ ישראל, האָט זיך בעמיהט צו פעראייניגען דאָס אָרטאָדאָקסישע אידענטום אין א"י, וואָס איז אַזוי צעשפּליטערט צוליב דער שטענדיגע פונ'ם עקסט־אָרטאָדאָכסאַלען רב זאָנענפעלד. די פּרובען זענען אָבער נישט געלונגען און הרב זאָנענפעלד מיט זיינע אָנהענגער פערלאַנגען ווייטער, אַז די רעגירונג זאָל זיי אָפּיציעל אָנערקענען פאַר אַ בעזונדערען אידישען אָרטאָדאָקסישען קיבוץ מיט אַ'אייגענער אָרגאַניזאַציע און אייגענע שוחטים. דער רב הראשי קוק דאָס פּראָטעסטירט נעגען דער דאַזיגער פאָדערונג און די רעגירונג האָט זיך ערקלערט נעגען דעם פּלאַן צו שפּאַלטען דאָס פּאַלעסטינישע אידענטום.

Jewish Historical Press (www.jpress.org.il) Brought to you by: The National Library of Israel and Tel Aviv University